בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת שמות




## פארוואס מיר זענען פארנומען

### פרעה-דער מלך זקן וכסיל

**דער** רמב"ם דערציילט אונז אז דער אויבערשטער וויל אונז לערנען א וויכטיגע לעקציע דורך פרעה, וועלכער איז א משל צו דער יצר הרע, דער אלטער זקן וכסיל, (אגרת המיוחס להרמב"ם, אות כ"ח). די תורה איז פול מער ווי אן היסטארישע מעשה פון כלל ישראל און די אויפבליאונג פון עם ישראל. מיר דארפן געדענקען אז די דערציילונגען פון די תורה איז א באלייכטער וואס לערנט אונז ווי אזוי צו לעבן אַן ערפאלגרייכן לעבן.

אלזא, דער רמב"ם קומט אונז דא אויפקלערן אז טראץ דעם וואס פרעה איז געווען אן אקטואלער מענטש, איז ער געווען צוגעגרייט פון השי"ת אלס א ביישפיל פון דער יצר הרע. דער רמב"ם קומט אונז דא לערנען א וויכטיגע לימוד וואס מיר זאלן טיפער ארייניקלערן דערין.

### ווער איז דער יצר הרע?

**דער** יצר הרע איז א כח וואס דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט אין דער וועלט כדי צו פרובן דעם מענטשן מיט גערעכטיגקייט, און דערביי באצאלן שכר פאר די וואס טוען ביישטיין די פראבע. און דורך דעם דערגרייכט די נשמה צו איר גרויסקייט.

מיר ווייסן אלע פון דעם יצר הרע מיט וואס דער אויבערשטער פרובט אונז, אבער ווי אזוי קענען מיר וויסן מיט וואס ער קומט אונז פרובן? ווי אזוי קען מען דערקענען די געווער וואס ער שטרעקט אויס קעגן אונז? און ווי אזוי קענען מיר בייקומען דער יצר הרע וואס פרובט אונז כסדר? אט די שאלות מוז מען פארענטפערן אויב מען וויל אנקומען צו עפעס א תכלית אויף דער וועלט.

סאיז דא כל מיני יצר הרע'ס מיט וואס דער אויבערשטער פרובט אונז. אין דעם פאלגענדן שיעור וועלן מיר ארומרעדן פון איין סארט יצר הרע וואס מיר באגעגענען טאג טעגליך אין א מלחמה, און מיר וועלן זיך לערנען ווי אזוי מ'קען אים בייקומען. מיר וועלן זיך לערנען אוועקצוריקן דעם גרויסן שטיין וואס שטייט אונז אין וועג, און דורכדעם דערגרייכן דער ציל פארוואס מיר זענען געקומען אויף דער וועלט.

## פרעה שלאגט צוריק.

**ביים** סוף פון פרשת שמות לייענט מען אין די תורה ווי אזוי משה רבינו און אהרן הכהן האבן זיך געשטעלט קעגן פרעה, און פארלאנגט אין נאמען פונעם אויבערשטן אז ער זאל ארויסלאזן די אידן אים צו קענען דינען.

"**שלח את עמי וְיָחֹגּוּ לי במדבר**", שיק ארויס מיין פאלק און זיי וועלן מיך דינען אינעם מדבר. אבער פרעה איז נישט איבערגעאיילט, ער איז נישט קיין גרינגער סוחר וואס וועט אזוי שנעל פארציכטן אויף די איבערפלוס פון ביליגע ארבעטער נאר וועגן א באפעל פון השי"ת. 'און ווער איז דער בעל הבית בכלל' האט זיך פרעה געגרויסט, אני ואפסי עוד. און ווער זאגט אז די פארלאנגען וועלן זיך דא אפשטעלן? היינט בעטן זיי ארויסצוגיין פאר אפאר טעג און מארגן וועלן זיי בעטן מער!"

פרעה איז געווען א כיטרער פארשוין, אן איבערגעשפיצטער און שארפער קעניג וואס וועט נישט צולאזן אז די אויסלייזונג פון די אידן זאל זיך אפשפילן אין פארנט פון זיינע אויגן... דערפאר האט ער רעאגירט מיט זיין אייגענעם פלאן אפצושטעלן דעם שפיל באצייטנס.

## נייע געזעצן און רעגולאציעס ווערן איינגעפירט.

**אזוי** ארום האט פרעה איינגעפירט נייע רעגולאציעס ביים ארבעט'ס צענטער. און ס'איז נישט געווען ווי היינט וואס נייע רעגולאציעס מיינט פארבעסערן די ארבעטער'ס באדינגונגען; מער וואקאציע, מער געלט פאר ווייניגער ארבעט'ס שעות, גרעסערע מיטאג הפסקה, און נאך א קאווע הפסקה. ניין, עס רעדט זיך דא פון די אלטע גוטע צייטן ווען מענטשן האבן געהארעוועט לאנגע שווערע טעג. און פרעה איז געקומען עס מאכן נאך שווערער.

"מער טיילט מען נישט אויס קיין שטרוי פאר די אידישע ארבעטערס צו מאכן די ציגל. זאלן זיי אליין נישטערן און זוכן זייער קוואנטום שטרוי וואס זיי דארפן. און אפילו זיי האבן יעצט מער ארבעט וועל איך נישט נאכלאזן פון די טעגליכע פארלאנגטע ארבעט וואס איך האב ביז היינט פארלאנגט. זיי וועלן יעצט מוזן האבן מער צייט פאר דעם. אבער איך בין נישט באזארגט, זיי וועלן טרעפן די צייט, זאלן זיי אויפשטיין אביסל פריער און ענדיגן אביסל שפעטער אין דער נאכט, וויפיל ס'פעלט זיך אויס. דער עיקר איז אז זיי זאלן נאר זיין פארנומען".

וואס האט דער כיטרער פרעה געזוכט דא צו פארדינען דורך צעווארפן זיין שקלאַפן סיסטעם וואס האט ביז יעצט געארבעט פונקט גוט? ער האט ביז דאן אנגעפירט אן עפעקטיווע שקלאפ'ן סיסטעם וואו מען האט צוגעשטעלט די צוגעהערן און ס'האט זיך זייער גוט אויסגעארבעט. וואס וועט פרעה פארדינען דורך די נערווירנדע געזעצן? ער וועט נישט באקומען קיין בעסערע רעזולטאטן, ער וועט באקומען די זעלבע מאס ציגל ווי פריער. נו, דעמאלטס וואס האט פרעה געטראכט?

## פרעה'ס מייסטערהאפטיגן פלאן.

**פאר** מיר וועלן ענטפערן אויף די שאלות, וועלן מיר זיך ווענדן צו דעם **מסילת ישרים**. די כוונה פון פרעה צו פארשווערן די אידן איז געווען אז ס'זאל נישט בלייבן קיין צייט פאר די אידן זיך צו דאכטן אדער טראכטן פון אן אויפשטאנד קעגן אים. פרעה האט פארשטאנען אז די בעסטע עצה צו האלטן דעם עם ישראל אין די ראמען, איז צו האלטן זייער מח ווייט פון מאכן פארשריט פון באפרייאונג, און דאס וועט ער דערגרייכן דורכ'ן זיי האלטן פארנומען מיט ארבעט וואס וועט זיך קיינמאל נישט ענדיגן.

א מענטש וואס איז אויף פון פארטאגס שטונדן צו טון שווערע ארבעט וואס צוברעכט זיינע פלייצעס, און ער קערט זיך נישט צוריק אהיים ביז שפעט אויף דער נאכט, מיד און אויסגעמוטשעט, אזא איינער האט נישט קיין צייט אדער פיזישע און גייסטישע כוחות **צו פלאנען פאר זיין עתיד.** דאס איינציגסטע זאך וואס ער איז אומשטאנד צו טראכטן איז פון די ארבעט וואס ער טוט בשעת מעשה.

פרעה האט געזאגט: ״**תכבד העבודה על האנשים ויעשו בה ואל ישעו בדברי שקר**״, זאל די ארבעט זיין שווער אויף די מענער און זיי זאלן ארבעטן אן קיין אפשטעל אזוי וועלן זיי נישט געבן קיין אויפמערקזאמקייט פאר פאלשקייט. תכבד העבודה, זאלן זיי זיין פארנומען מיט כל מיני ארבעט! דאס איז געווען די כיטרע פלאן פון פרעה, זיי זאלן זיין פארנומען און נישט האבן קיין צייט צו טראכטן, צו בעטן, אדער מאכן אן אויפשטאנד, ארויסצוגיין פון מצרים.

## דער גרויסער קריג מיטן יצר הרע.

**דער** מסילת ישרים ברענגט אין זיין ערשטן פרק די פאלגענדע: ״**כל עניני העולם נסיונות הם לאדם**״, אלעס וואס קומט פאר אויף דער וועלט זענען נסיונות פאר דעם מענטש. דער מסילת ישרים דערקלערט דא אז אז די גאנצע וועלט איז א פארהער. א מענטש מיינט אז ס׳איז א וועלט וואו עס פאסירט אז פון צייט צו צייט דארף מען זיך אנטרעפן מיט א נסיון. ניין, דאס איז א פונדאמענטאלער גרייז וואס טייל מאכן. מען דארף וויסן אז אלעס וואס פאסירט פון צופרי ביז ביינאכט איז געשטעלט געווארן אייך צו פרובן מיט א נסיון. ווי אזוי איר רעאגירט צו די געשעעניש אין לעבן, פונקט אזוי וועט איר גע׳משפט ווערן. אלעס אויף דער וועלט איז אייך געגעבן געווארן פארן ציל אייך צו פרובן. דער אופן ווי אזוי איר רעאגירט צום נסיון איז דער אופן ווי אזוי מען וועט מעסטן אייער הצלחה פון אייער זיך אויפהאלטן אויף דער וועלט אדער ח״ו פארקערט.

איר זאלט נישט מיינען אז נאר דורכ׳ן הערן די ווערטער זענט איר שוין א געהאלפענער. דער מסילת ישרים ברענגט: ״**עד שנמצאת המלחמה אליו פנים ואחור**״, דער מענטש איז אין א מלחמה וואס אטאקירט אים פון פארנט און פון אונטן. און נישט נאר וואס דער מענטש טרעפט זיך ארומגערינגלט אין א מלחמה נאר ס׳איז א מלחמה חזקה, א שטארקע, אנגעשטרענגטע מלחמה. דאס ווארט מלחמה איז גענוג צו ווארפן א פחד פארן לעבן, קיינער וויל נישט שפירן אז ער איז אינמיטן פון א שווערע מלחמה און וועגן דעם פארלירט מען כסדר דער מלחמה.

זייט וויסן, איר זענט פארפלאנטערט אין א העפטיגן מלחמה! און דער מלחמה איז א מלחמה חזקה, א שטארקע שלאכט. דאס ווארט מלחמה איז גענוג צו אידענטיפיצירן א פחד׳יגע זאך. ס׳איז נישט דא אזא זאך ווי א ׳באקוועמע׳ מלחמה. יעדער סאלדאט וועט אייך וויסן צו זאגן אז מלחמה מיינט אז באמבעס און קאנאנען פליען איבער די קעפ, און דאס איז ווייט פון באקוועם. און אויב מ׳רעדט פון א מחלמה חזקה מיינט עס אז בולעטס און קאנאנען שיסן אראפ ווי א שטורעם רעגן. אויף דעם איז שוין זייער שווער צו מאכן א ווידערשטאנד.

דער **חובות הלבבות** דערציילט אונז וואס ס׳מיינט אן עכטע מלחמה.

דער חובת הלבבות ברענגט, אז א צדיק האט אמאל באגעגענט א גרופע סאלדאטן וועלכע האבן זיך אומגעקערט פון א מלחמה פירנדיג מיט זיך די רויב וואס זיי האבן געגומען נאכן באזיגן דעם שונא אין העפטיגע שלאכטן. ״איר האט זיך צוריקגעקערט מיט א נצחון פון א

קליינע מלחמה, יעצט גרייט אייך צו, זיך צו ספראוועון מיט אן עכטע מלחמה - דער קריג מיטן יצר הרע". די ווערטער פון צדיק איז דער אמת פון לעבן.

דער גרויסער נסיון וואס מיר אלע באגעגענען כסדר ענדיגט זיך קיינמאל נישט. אויב איר שפירט זיך פארזיכערט אין אייער שטאנד, זאלט איר וויסן אז איר גייט ארום אין דער וועלט אינגאנצן אומוויסענד. און א מענטש וואס דרייט זיך אין א שלאכט פעלד אן צו וויסן אז עס קומט פאר א העפטיגן שלאכט וועט ער צום סוף פארוואונדעט ווערן.

## פרעה'ס פלאן.

**דער** כיטערער פרעה האט א פלאן צו האלטן דעם עם ישראל ווי מער פארנומען, און אזוי ארום זיי מנצח זיין. דאס איז דער נסיון וואס מיר שטייען אויס יעדן טאג פון אונזער לעבן. פונקט דאס איז דער סטראטעגיע פון דער יצר הרע כסדר. רוב מענטשן זענען זייער פארנומען מיט די פליכטן פונעם טאג טעגליכן לעבן אז מען האט נישט קיין טראפ צייט צו טראכטן פון דער אמת'ע תכלית פון לעבן. דער יצר הרע האט מורא אז דער מענטש וועט נעמען זיין לעבן אין די הענט און מצליח זיין מיט זיין תפקיד אויף דער וועלט, פארדרייט ער אים דעם קאפ ער זאל מוזן ארומלויפן און זיין פארנומען מיט טרדות אלע זיינע לעבנ'ס טעג אן קיין אפשטעל.

און איר וועט אייביג זיין 'ביזי'. מיינט נישט אז די געיעג וועט זיך אמאל אפשטעלן. עס מאכט נישט אויס אויב איר געפונט זיך אין א רוהיגע תקופה פון אייער לעבן אדער אין מער א פארנומענע תקופה. אייביג וועט איר מוזן זיך ספראוועון מיט די ביזנעס פון לעבן. איר דארפט זיך אפגעבן מיט די פליכטן פון אייער משפחה, ארבעט'ס פלאץ, וכדו'. די שעות און מינוטן פון א מענטשנ'ס לעבן זענען אנגעפולט, מען האט נישט קיין טראפ איבריגע צייט. מענטשן זענען אויסגעמוטשעט פיזיש און גייסטיש, נאר פון זיך ספראוועון מיט די געיעג פונעם טאג טעגליכן לעבן. א מענטש האט נישט קיין איין רוהיגן טאג אין זיין לעבן.

נישט קיין חילוק וואו ער שטייט איין, וועט ער זיין א פארנומענער מענטש. אויב איר זענט א פארמעגליכער מענטש זענט איר 'ביזי' צו ציילן געלט... און אויב איר זענט אן ארעמאן זענט איר 'ביזי' צו שאפן/בארגן געלט... און אויב זענט איר א דורכשניטליכער פארדינער, דאן זענט איר 'ביזי' צו מחליט זיין אויב איר זאלט באצאלן דעם לעקטער ביל אדער שכר לימוד... די פליכטן פון לעבן איז א גרויסער עול אויף א מענטשנ'ס פלייצע.

און ווען מען איז נישט פארנומען מיט פרנסה, איז מען פארנומען ב"ה מיט די קינדער געבענטשטע שטוב. א קינד איז נישט קיין געוואוקס וואס מען פלאנצט איין אין דער ערד און ס'שפראצט ארויס זיסע פירות, מיט קינדער דארף מען זיך פלאגן, מען דארף זיי פלעגן און האדעווען בייטאג און ביינאכט. די פליכטן ענדיגן זיך קיינמאל נישט. עלטערן האבן קיינמאל נישט קיין מנוחה ביים אויפציען א גרויסע משפחה בדרך התורה.

ס'מאכט נישט אויס וועלכע ראלע איר שפילט אין די קאמפליצירטע וועלט, אדער אין וועלכע מצב איז געפונט זיך, איר וועט אלץ זיין פאריאגט און פארפלאגט. אויב איר זענט א בחור אין ישיבה אדער א מיידל אין שולע, וועט איר האבן ארבעט ביז איבער'ן קאפ. אויב איר זענט א כלי קודש וועלכער לערנט פון צופרי ביז ביינאכט, וועט איר זיין פארנומען צו לויפן פון בית המדרש צו כולל און ביינאכט צוריק, און אינצווישן וועט איר נאך ארייננכאפן צו טון חסד און אנדערע וואוילטעטיגע אקציעס.

יעדער פרט פון לעבן האלט אונז פארנומען, אבער דאס איז נישט קיין צופאל נאר א פונקטליכע פלאן פונעם אויבערשטן. ס'איז דער תכבד העבודה וואס דער יצר הרע ווארפט ארויף אויף אונז אז מיר זאלן נישט האבן די רוהיגע מינוט צו טראכטן פון דעם אמת'ן תכלית פון דער וועלט. א מענטש קען זייער שיין מצליח זיין אין די פארנומענע וועלט, אלס אן ערפאלגרייכער ביזנעס־מאן אדער אנפירער פון א געלונגענע חסד ארגאניזאציע. ער קען מצליח זיין אלס מלמד אדער ראש ישיבה און אויפציען א שיינע שטוב, אבער מיט דעם אלעם קען ער זיין א דורכפאל מיטן אויספירן דעם אמת'ן תכלית אין לעבן.

## די וועלט אין די אויגן פון מענטשן.

**"וגם את העולם נתן בלבם"** (קהלת) הקדוש ברוך הוא לייגט די וועלט אין די געדאנק פון מענטשן. **מבלי אשר ימצא האדם את המעשה אשר עשה אלוקים מראש ועד סוף**". כדי אז מענטשן זאלן נישט זען די ארבעט וואס השי"ת טוט פון אנהייב ביזן סוף.

לאמיר ערקלערן דעם ענין, ווען מיר פארשטיין וואס שלמה המלך וויל אונז זאגן אין דעם פסוק.

ווען מ'קוקט זיך ארום זעט מען אז די וועלט איז פארשידנארטיג. ס'איז דא אן אויסוואל פון כל מיני עסן, אן אויסוואל פון בלימען,ביימער, מענטשן וכדו'. אין איין צייט קען פארקומען שמחות און טראגעדיעס ר"ל, אינצידענטן און מעשיות. די נייעס און וועטער פארפלייצט אייער מח, אלעס וואס ס'קומט פאר אין די עכערע ספערן, און אלע אינצידענטן וואס קומען פאר אין שטעט אין לענדער וואס מ'קען ניטאמאל ארויסליינען, די געשעענישן וואס קומען פאר אויף אייער גאס, און אין אייער שטוב, יעצט און נעכטן, אינטערעסירט אייך און האלט אייער מח פארנומען.

די וועלט איז מחליף את הזמנים, עס טוישט זיך כסדר קעגן אונזערע אויגן, און עס גייט אריבער פארשידענע אופנים וואס אנטציקט דעם מענטש. איך געדענק אלס קליין קינד פון בערך צוויי יאר ווען מיין מאמע האט מיר געפירט אין וועגעלע און איך האב ארויפגעקוקט צו די שיין פון די זון. איך בין געשטאנען פארגאפט פון די הערליכע ליכט וואס האט ארויסגעשיינט פון די הימל. דאס איז וואס די וועלט טוט צום מענטש, עס צינדט אן אונזער נייגער, ס'וועקט אויף אונזער אויפמערקזאמקייט און ס'ציט אונז אריין אין אירע לאפעס. '**וגם את העולם נתן בלבם**', השי"ת האט אריינגעלייגט די וועלט אין אונזער מח.

שלמה המלך, דער קלוגסטער מענטש אויף דער וועלט, האט אונז אנטפלעקט די סיבה פון די קאלירן פון די וועלט וואס דער אויבערשטער האט פארגעשטעלט פאר אונזערע אויגן. דאס איז נישט קיין צופאל נאר א פלאן פונעם רבוש"ע. שלמה המלך איז אונז מגלה אז דאס אלעס איז א נסיון אונז צו פרובן. 'מבלי אשר לא ימצא האדם את המעשה אשר עשה האלוקים', אז דער מענטש זאל נישט קענען דערגרייכן די ציל פון דער וועלט.

## דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן פארגעסן פון אים?

**פארוואס** האט השי"ת דאס אלעס אריינגעלייגט אין אונזער מח, אז מיר זאלן פארגעסן פון אים? ניין, שלמה המלך זאגט אונז אז די סיבה דערפון איז אונז צו פרובן אויב מיר וועלן מסיח דעת זיין פונעם אויבערשטן, דער באשעפער וואס שטייט אונטער די קאלירפולע וועלט. וועלן מיר

פארגעסן פון השי"ת ווען מיר זעען די פולע זאכן וואס קומען פאר אין אונזער קאמפליצירטע לעבן? ווען מיר פארגעסן פון אים אין די אלע צומישעניש פון די זאכן וואס קומען פאר ארום אונז?

די פסוק אין קהלת קומט מסביר זיין א טיפע פשט. נישט נאר וואס דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט אין די וועלט א מיש־מאש אונז צו האלטן פארנומען, נאר ער האט אריינגעלייגט די וועלט אין אונזער הארץ. השי"ת האט איינגעפלאנצט אינעם מענטש אן אינסטינקטיווע צוגעבינדקייט און אפילו א ליבשאפט צו דער וועלט. ס'איז דער נאטור פון די מענטשהייט זיך צו שפירן צוגעבינדן צו די געשעענישן וואס קומט פאר אין לעבן. יעדער נארמאלער מענטש איז צוגעבינדן אין זיין מח צו זיין משפחה, בני בית, קינדער שכנים, פרנסה וכדו'. ווי די גמרא זאגט (ברכות מ"ג:) "מלמד שכל אחד ואחד יפה לו הקב"ה אומנתו בפניו" און חן מקום על יושביו (סוטה מז.), השי"ת האט עקסטער געמאכט אז א מענטש זאל שפירן א צוגעבינדנקייט צו זיין ארבעט. דאס איז א גרויסער חסד פון השי"ת ווייל אויב ס'וואלט נישט אזוי געווען וואלט דער מענטש כסדר געשפירט ווי ער שלעפט די וועלט אן קיין אינטערעס.

## ווי אזוי געווינט מען די מלחמה חזקה.

**מיר** זענען אין א שווערע מלחמה מיטן יצר הרע וואס האלט אונזער מח פארנומען. ווי אזוי דעקט מען אויף דעם סוד פון לעבן צו קענען געווינען דעם מלחמה? דורך וויסן וואס די 'כלי זַיִן' זענען. דער מסילת ישרים ברענגט: "**השלימות האמיתית הוא רק הדביקות בו יתברך**", א גענצליכער טוב קען מען דערגרייכן נאר ווען א מענטש איז באהאפטן צו הקדוש ברוך הוא. דאס מיינט, צווישן אנדערע, אז דער מח זאל זיין צוגעבינדן צו השי"ת, טראכטן פונעם אויבערשטן. דאס איז אמת'ע דביקות. מ'קען זיין דבוק אינעם אויבערשטן פשוט דורך טראכטן פון אים. ווען איר זיצט דא און איר טראכט פונעם באשעפער, האט איר נישט נאר ערפילט דעם **ודבקה בו** און **ובו תדבק**, איר זאלט זיך באהעפטן צו אים, נאר איר האט אויך געווינען דער מלחמת היצר. איר זענט בייגעקומען דער יצר הרע וואס וויל אייך מאכן פארגעסן פונעם רבוש"ע דורכ'ן אייך האלטן פארנומען.

דעריבער דארף מען זיך כסדר מחזק זיין נישט צו פארגעסן פונעם רבוש"ע. בשעת מען איז פארנומען מיט די טרדות פון עולם הזה זאל דער מח ארבעטן צו טראכטן פון באשעפער. ווי שטארק פארנומען איר זאלט נאר נישט זיין, זאלט איר קיינמאל נישט פארגעסן אז איר שטייט שטענדיג קעגן דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

איינמאל איר פארשטייט וואס דער לעבן באדייט און איר זענט באוואוסטזיניג פון דער פראצעדור פון לעבן, אז אלעס וואס פאסירט און אלעס וואס געפינט זיך ארום אייך איז מיטן ציל אייך צו פרובן, און אייך שטעלן אינעם נסיון, נאר דאן קען מען מנצח זיין. דער יצר הרע פון תכבד העבודה וועט אייך שטענדיג האלטן פארנומען אויף דער וועלט, אבער אלעס איז נאר א נסיון, צו וועט איר פארגעסן פון דער תכלית פון לעבן, אדער איר וועט בייקומען די שטרויכלונגען, און איר וועט געדענקען צו טראכטן פון הקדוש ברוך הוא, נישט קיין חילוק וואס עס קומט אייך אנטקעגן אין אייער לעבן. און דאס איז דער שלימות האמיתי, דער אמת'ע גערעכטיגקייט און דער טוב האמיתי, דער אמת'ע שמחה פון לעבן. דער מענטש וואס קען האלטן זיין מח אויף די רעלסן פון די אמת'ע ביזנעס פון לעבן, דער איז מצליח אין לעבן.

# איר ווילט אוודאי אריינגיסן חיות אין הינדערטער מענטשען

מיט אפאר דאללאר

# רופט אריין צו אויסקלויבן אייער וואך

## רופט: 845-213-7571

די קונטרס ווערט פארשפרייט אין וויליאמסבורג אין עטליכע גרעסער שוהל'ן
אויב איר ווילט באצאלן פאר נאך רופט די אויבן דערמאנטע נאמבער

FLYINKOLORS
718.207.7888

# נדבת השבוע

פ' שמות נתנדב ע"י
הרוצה בעילום שמו

לע"נ חיים אברהם יצחק בן יחיאל ע"ה
ולע"נ פיגא נעכא ב"ר ישראל ע"ה
ולרפואת יוסף דוב בער בן פיגא נעכא

# ווער ברויך די שניי?

## שאלה:

**וואס איז דער תכלית פארוואס דער אויבערשטער האט באשאפן שניי מיט אייז?**

## תשובה:

"**משליך קרחו כפיתים**" (תהלים קמז-יז), השי"ת שיקט אייז אויף דער וועלט אזוי ווי ברויט. שניי האלט זיך א לאנגע צייט, עס צולאזט זיך שטאַט, דורכדעם נעצט עס דורך דער ערד. אנדערש ווי רעגן וואס פליסט אריין גלייך צום טייך. און פון די שניי ווערט ברויט. דערפאר זאגט די גמרא אז איין שניי איז אזוי ווי פינף טראפנס רעגן.

**פארשטייט** זיך אז אין די שטאטישע גאסן איז שניי נישט נאר א שטער, נאר אויך א דערמאנונג פון די וואונדער פון באשעפער. שניי איז הערליך טראץ דעם וואס ס'איז א שטער. דאס דארף דערמאנען די וואונדער פון ברויט.

**ווען** עס וועט קומען זומער און איר וועט עסן די ברויט און פרישע געוואוקסן, וועט איר וויסן אז דאס קומט פון די שניי אין דער ווינטער.

**אויב** איר וואלט געווען א פעלד ארבעטער וואלט איר זייער ליב געהאט די שניי. דאס געבט פאר די פעלדער געזונטע טרינקען דורכאויס דעם ווינטער. **משליך קרחו**, ערווארפט די שניי, **כפיתים**, ווי שטיקלעך ברויט. דאס מיינט אז אייז איז ברויט.

**אין** די שטאטישע גאסן איז שניי דעת השם. ס'איז דא צו דערמאנען די חסד השם פון עסן אפילו ווען עס שטערט צו אנגיין מיטן טאג טעגליכן לעבן. ווען איר קערט די שניי אדער איר גייט אויפן טראטואר אין די זייט, פארלירט נישט דער געלעגנהייט, באטראכט די שניי און דערמאנט אייך אז השי"ת גרייט צו די ערד פאר די פרילינג און זומער עס זאל קענען שפראצן זיסע פירות.

**שאלות און תשובות**

מיט

**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי

כל הזכיות שמורות

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"